בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## חג הסוכות

ט"ז תשרי תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:30 |
| מוצש"ק | 6:42 |
| ר"ת | 7:21 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:49 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:31 | סוז"ת ב' | 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ק"ה

שנה ב'

## טיב הפרשה

# בצילא דמהימנותא

### א נאה מקיים מיט די מצוה פון סוכה

עס איז באקאנט די ווערטער פון דער הייליגער טור אנהייב הלכות סוכה [או"ח סימן תרכ"ה] אז וועגן דעם האט השי"ת געהייסן אז מען זאל מאכן סוכות תשרי צייט און נישט ניסן צייט - ווען דער נס פון כלל ישראל האט פאסירט – ווייל אויב מען וואלט עס געמאכט ניסן צייט וואלט זיך נישט דערקענט די מצוה, ווייל עס איז זומער צייט און אין אזא צייט מאכט יעדער איינער א שאטן ווייל עס איז הייס אינדרויסן און מען וואלט ווען געמיינט אז דער איד בויט די סוכה, נאר ווייל ער זיך אנגרייטן א שאטן.

איך האב געטראכט אז עס קען זיין נאך א טעם פארוואס מען האט מתקן געווען אז דווקא אין די טעג זאל מען מאכן א סוכה, און נישט פסח צייט.

אין די טעג האט דאך כלל ישראל מקבל געווען אויף זיך די מלכות פון הקב"ה. מען האט תשובה געטון און איבערגעבעטן מיט הקב"ה. די עבודה פון א איד אין די טעג איז אין די בחינה פון 'נאה דורש'. מען האט זיך אויסגעשמועסט מיט הקב"ה און מקבל געווען קבלות טובות, אבער אין אזא צייט קומט אויך צוגיין דער 'נאה מקיים', און דער 'נאה מקיים' איז מען מקיים מיט די מצוה פון סוכה.

מיט די מצוה פון סוכה איז א איד מקיים דער 'נאה מקיים', ער ווייזט אז עס איז נישט נאר געווען 'דיבורים בעלמא', נאר ער איז גרייט צו טון למעשה, ער איז גרייט ארויסצוגיין פון זיין שטוב, פון זיין באקוועמער פלאץ און זיך אוועקגעבן כל כולו פאר הקב"ה, מיט דעם רופט ער אויס אז גייט טון פאר מלכותו יתברך אלעס וואס ער קען אויף די וועלט.

עס קען זיין נאך א בחינה פארוואס מען האט געלייגט דער יום טוב סוכות נעבן די הייליגע טעג.

ווען א איד שטרענגט זיך אן אין די הייליגע טעג און דינט הקב"ה און דאווענט זיך אויס קען מען זאגן אז ער טוט עס ווייל ער האט מורא פון דעם יום הדין. ער האפט אז מיט זיינע תפילות וועט ער קענען מכריע זיין דעם כף לטובה, ער וועט אויס'פועל'ן פאר זיך א גוט יאר, אבער מען קען עס תולה זיין אז ער טוט אלעס ווייל ער וויל זוכה זיין בדין און אז ער האלט נישט אמת'דיג ביי דעם, אבער ווען עס קומט צוגיין דער יום טוב סוכות און די ימי הדין איז שוין מער נישט דא – און דאך קומט דער איד און ער גייט אריין אין די סוכה און ער געבט אוועק פון זיך – ווערט נתברר למפרע אז ער האט יא געוואלט ווערן בעסער.

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# וְצִוָּנוּ לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה

דער באן־סטאנציע ווירבלט מיט מענטשן. פלוצלונג האט זיך א מיידעלע אויסגעגליטשט און אריינגעפאלן צו די באן שינעס פון א הויכקייט פון דריי מעטער. פונדערוויטנס האט זיך שוין געהערט דער פייף פונעם באן וואס דערנענטערט זיך, און די מענטשן וואס האבן זיך געפינען אויפן ארט האבן אנגעהויבן שרייען פון פחד, נישט וויסנדיג וואס צו טון, ביז ממש אין דער לעצטער רגע איז אנגעקומען א ריזיגער ברייטביינערדיגער שווארצער גוי, און איז אריינגעשפרינגען צו די באן שינעס, בליץ־שנעל אויפגעהויבן די מיידל און איר געווארפן צו די פארזאמלטע, און אינעם סאמע לעצטע סעקונדע, ווען דער באן האט אים כמעט צוטראטן צום טויט, איז אים געלונגען צוריק ארויפצוקריכן אויפן פלאטפארמע [רציף].

איבערגענומען פון באגייסטערונג, האבן אלע ארומגערינגלט דעם העלד, וועלכער האט געראטעוועט די לעבן פונעם אומשולדיגן קינד, וועלנדיג אים הארציג באדאנקען, אבער דער שווארצער האט נישט פארשטאנען וואס מען וויל פון אים, און ער האט זיי נאר געבעטן אז מען זאל אים לאזן ארויפגיין אויפן באן צו זיין ציל. ווען איינער פון די אנוועזנדע האט אים געפרעגט מיט וואונדער, צי ער פארשטייט די געוואלדיגע מעשה וואס ער האט יעצט געטון? האט יענער געענטפערט מיט פשטות: איך ארבעט אלס רייניגער פון עס־צייג אין א רעסטאראנט, און פאר יעדע שעה ארבעט באקום איך $10. איך האב זיך געמאכט א פשוט'ער חשבון, אז אויב וואלט די באן צוטראטן די מיידל, וואלט יעצט געווען אן אפהאלט פון ווייניגסטנס פינף שעה ביז די קומענדיגע באן וועט ארויספארן. דו ווייסט וואס פינף שעה מיינט? פאר מיר איז עס פופציג דאלער!!! און נישט נאר דאס, נאר איך קען אויך פארלירן מיין ארבעט! יעצט אז איר האלט מיך אויף, פארוואס האב איך ארויסגענומען די שטרויכלונג פון די באן שינעס? ביטע, לאזט מיר גיין!!!

אינעם הייליגן יום טוב סוכות, זענען מיר ארומגערינגלט מיט מצוות. יעדער רגע אין די סוכה איז א מצוה, יעדן שאקל מיט די ארבע מינים איז א מצוה, אבער דער עיקר איז, אז מען זאל פארשטיין פארוואס מיר טוען די אלע מצוות, זיצן מיר דען אין סוכה ווייל עס איז געשמאק (אזוי ווי אן ארט פון זיך אָפּרוען...)? טוען מיר דען שאקלען די ארבע מינים, ווייל דאס מאכט אונז באגייסטערט? אדער מיר טוען דאס כדי צו מקיים זיין דעם רצון השם?

אין יעדן איינער פון אונז געפינט זיך א **קליינער** שווארצער, וועלכער לאזט אונז נישט טראכטן געהעריג פארוואס מיר זענען מקיים די מצוות, און אויף אונז ליגט דער פליכט צו מעורר זיין אונזער הארץ, דורכן אריינטראכטן אין יעדן זאך וואס מיר טוען, פארוואס טו איך דאס, און מען זאל גוט טראכטן אינדערצייט וואס מיר זאגן די ווערטער 'אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה', אז איך זיץ אין די סוכה ווייל אזוי האט דער אויבערשטער געהייסן! כדי מיר זאלן נישט זיין אזוי ווי יענער כושי, וועלכער האט געטון אזא גרויסער זאך, אבער די סיבה דערצו איז געווען, כדי ער זאל נישט דערלייגן פופציג דאלער...

(עפ"י שיחה בכולל שבתי)

## טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

מיט די בחינה קען מען פארשטיין פארוואס דער יום טוב סוכות ווערט אנגערופן 'צילא דמהימנותא', ווייל מיט די מצוה איז ער מגלה די אמונה וואס ער האט אין הקב"ה, אז ער גלייבט באמת אין זיין מלכות און ער איז דערביי אוועקצוגעבן פון זיך און ממליך זיין הקב"ה באמת ובלב שלם.

מיט דער געדאנק קען מען אויך פארשטיין די באקאנטע גמרא אז ווען משיח וועט קומען וועט הקב"ה אויספרובירן די אומות העולם מיט די מצוה פון סוכה [ע"ז דף ג' ע"א], ווייל אין די מצוה דערקענט זיך דאס מערסטע די חשק און די שטרעבן וואס א איד האט צו הקב"ה און וויאזוי ער וויל באמת די קירבה צו הקב"ה, אויך ווען ער גייט נישט ערדרייכן מיט דעם קיין געווינסן ביי דער יום הדין.

די נקודה דארף אונז באגלייטן אין די גרויסע טעג. ווען א איד זיצט אין די סוכה דארף ער שפירן אז ער זיצט בצל צלו פון דעם מלך מלכי המלכים און זיך פרייען מיט דעם. די הרגשה וואס מיר דארפן האבן זיצנדיג אין די סוכה דארף זיין ווי דער בן מלך האט באקומען איין טאג אין יאר ווען דער קעניג געבט זיך אוועק מיט אים, ער איז נאר מיט אים.

עס איז זיכער אז אזא טאג וועט ער אויסנוצן ביז צו די ענדע, און די זעלבע הר־גשה דארף מען האבן אין די טעג פון סוכות, אז מיר האבן די זכיה צו זיצן בצלו של הקב"ה און זיך מתוועד זיין מיט אים און דערשפירן די הייליגע אור וואס ער איז משפיע אין די טעג.

מען דארף לעבן מיט די הרגשה אז די טעג דארף מען אויסנוצן, אז מען גייט נישט ארויס פון די סוכה סתם אזוי, אז מען נוצט אויס יעדער רגע וואס הקב"ה געבט אין די טעג און מען איז זוכה צו מער און מער.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין אויסצונוצן די טעג בשלימות און קונה זיין אין איר די הייליגע און לעכטיגע אורות וואס שיינען אין די טעג בשלימות.




טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# הוא צוה ויעמוד

איך האב א חשוב'ער זיידע וואס איז אויסגעטון פון די וועלט. דער זיידע וואוינט אין ירושלים עיה"ק, און אזוי ווי ער איז היינט אליין און עס קומט אים אן שווער דער זיך באגיין אליין, האט אים מיין טאטע שליט"א איינגעלאדענט אז ער זאל קומען צו אונז אויף יום טוב סוכות.

דער זיידע האט אנגענומען די איינלאדונג. נישט וועלענדיג קומען ערב יום טוב האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג א טאג פאר יום טוב. דער זיידע איז נישט געוואוינט צו פארן קיין סאך, ער האט נישט קיין גרויסע באקאנטשאפט מיט די באסעס, זיין איינציגסטע ידיעה איז אין תורה, אין עבודת ה', הערנדיג אז ער דארף נעמען א באס קיין בני ברק, האט ער איינגעפאקט זיינע זאכן און זיינע ספרים און איז אריבער צו די באס סטאנציע.

ווארטנדיג ביי די סטאנציע איז אנגעקומען א באס. זעענדיג אז יעדער גייט ארויף אויף איר איז ער אויך ארויף איר. נאכ'ן באצאלן האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פלאץ און פון זיין טאש האט ער ארויסגענומען זיינע ספרים און אנגעהויבן לערנען אין איר.

ער האט געדארפט אנקומען קיין בני ברק אבער די באס איז געפארן קיין צפת. נישט וויסנדיג פון דעם איז ער געמיטלעך געפארן אויפ'ן וועג.

פון הימל האט מען רחמנות געהאט אויף אים. אונטערוועגנס האט דער באס געליטן פון א שטיקל פעלער און דער באס האט זיך אפגעשטעלט. דער באס דרייווער האט זיך נישט געקענט אן עצה געבן מיט די פעלער, ער האט געהייסן אז יעדער איינער זאל אראפגיין פון די באס, אז עס גייט קומען אן אנדער באס.

דער זיידע איז אראפ, מען האט זיך אפגעשטעלט ביי א באס סטאנציע און געווארט אז א פרישע באס זאל קומען צוגיין.

ביני לביני איז אנגעקומען א צווייטע באס, יענע באס איז געפארן קיין בני ברק.

דער זיידע זעענדיג א באס איז ארויף אויף איר.

מיטאמאל קומט איינער צו לויפן און זאגט אים ער זאל נישט ארויפגיין אויף די באס.

"עס פארט קיין בני ברק".

ערשט יעצט האט דער זיידע געכאפט אז ער איז נישט געווען אויף די ריכטיגע באס, אז ווען ער וואלט ווען ממשיך געווען מיט די רייזע וואלט ער אנגעקומען קיין צפת.

עס איז געווען דירענד צו זען ווי אזוי מען האט זיך געזארגט פאר אים פון הימל און געפירט אז די באס זאל בלייבן שטעקן אונטערוועגנס, אז ער זאל קענען אנקומען קיין בני ברק, און נישט דארפן וואנדערן אין צפת.

עס איז מקויים געווארן דער 'הוא צוה ויעמוד', אז הקב"ה האט געפירט אז די באס זאל שטעקן בלייבן, אז דער זיידע זאל קענען אנקומען גרינגערהייט צו זיין ציל.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ב.ש.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

זאגט דער הייליגער ירושלמי (פסחים פ"י ה"א): "תָּנֵי, צָרִיךְ הוּא אָדָם לְשַׂמֵּחַ אֶת אִשְׁתּוֹ וְאֶת בָּנָיו בָּרֶגֶל. בַּמֶּה מְשַׂמְּחָן – בְּיַיִן. רַבִּי יוּדָה אוֹמֵר, נָשִׁים בְּרָאוּי לָהֶן וּקְטַנִּים בְּרָאוּי לָהֶם, נָשִׁים בְּרָאוּי לָהֶן – כְּגוֹן מְסָנִים [מִנְעָלִים] וְצוֹצְלִין [מִינֵי צִלְצוּל יָפִים. פְּנֵי מֹשֶׁה]. וּקְטַנִּים בְּרָאוּי לָהֶן – כְּגוֹן אֱגוֹזִין וְלוּזִין. אָמְרִין, הֲוָה רַבִּי טַרְפוֹן עָבֵיד כֵּן". ביז אהער פונעם ירושלמי.

פרעגן די מפרשים, וואס קומט אונז די גמרא לאזן הערן מיט די מעשה פון רבי טרפון, ווייל פונקט אזוי ווי ער האט מקיים געווען די גאנצע תורה, האט ער אויך דאס מקיים געווען. און אייגנטליך וואלט מען דאך ביי יעדע מצוה און הלכה געקענט דערציילן אזעלכע מעשיות, אז די צדיקים האבן זיי מקיים געווען. [זע קרבן העדה און אינעם פירוש 'תורתן של ראשונים' (שם), וואו עס ווערט ערקלערט אז דאס גייט ארויף אויף פסח ביינאכט, אזוי ווי עס שטייט אין תלמוד בבלי (פסחים קט.), דאס איז אבער נישט די פשטות הכוונה אינעם ירושלמי].

נאר, די אחרונים זענען מתרץ דארט, און ערקלערן לויט וואס די גמרא זאגט אין מסכת גיטין (ו:) אז רבה בר בר חנה האט געזאגט, אז וואס די חכמים האבן געזאגט (שבת לד.): 'שְׁלֹשָׁה דְּבָרִים צָרִיךְ אָדָם לוֹמַר בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ עֶרֶב שַׁבָּת עִם חֲשֵׁכָה, עִשַּׂרְתֶּם, עֵרַבְתֶּם, הַדְלִיקוּ אֶת הַנֵּר' – צָרִיךְ לְמֵימְרִינְהוּ בְּנִיחוּתָא, כִּי הֵיכִי דְּלִיקַבְּלוּ מִינֵּיהּ. און די גמרא פירט דארט אויס, "אָמַר רַב אַשֵׁי, אֲנָא לָא שְׁמִיעָא לִי הָא דְּרַבָּה בַּר בַּר חָנָה, וְקִיַּימְתֵּיהּ מִסְּבָרָא", ביז אהער פון די גמרא.

און דארט איז אויך שווער צו פארשטיין, וואס קומט אונז רב אשי לאזן הערן, אז ער האט מקיים געווען דאס וואס מען דארף מקיים זיין, און אז ער האט עס געוואוסט פון זיין אייגענע סברא. אויך דער מהרש"א און דער מהר"ם שיף וואונדערן זיך, אז אייגנטליך האט דאך אויך רבה בר בר חנה אליין דאס געזאגט מִסְּבָרָא, זע דארט.

נאר דער ענין איז, אז ביידע סוגיות ווערן פארענטפערט אויפאמאל, אז רב אשי קומט אונז לערנען, אז ער האט נישט מקיים געווען דער דין פון רבה בר בר חנה 'למימרינהו בניחותא', בלויז אויף יוצא צו זיין... ווייל אזוי האט די גמרא געהייסן... און אין הארץ איז ער נישט אזוי 'בניחותא'... נאר ער האט עס מקיים געווען אזוי ווי ער האט עס נישט געהערט פון רבה בר בר חנה, און עס געטון 'מסברא דנפשיה', דאס הייסט, נאכדעם וואס ער האט זיך מתבונן געווען ביי זיך, אז עס איז ריכטיג אז מען זאל עס זאגן 'בניחותא', און דעמאלטס איז עס אוודאי געווען אמת'דיג מיט א רואיגקייט, נישט נאר כדי צו יוצא זיין דער דינא דגמרא...

ענדליך דערצו, לערנט אונז דער הייליגער ירושלמי, מיט די מעשה פון רבי טרפון, אז ער האט אזוי געטון כדי צו דערפרייען זיינע קינדער, די פרויען און די יונגווארג, נאך איידער ער האט געהערט דער 'דינא דגמרא', דאס הייסט, נישט בלויז כדי יוצא צו זיין דעם חיוב פונעם **מתנה לכבוד יו"ט** פון שיך און ניסלאך... נאר זיי באמת צו דערפרייען, מיט א שמחה וואס קומט ארויס פון א פרייליך הארץ און עס גייט אריין אין הארץ און מאכט פרייליך!

און די אלע קלאנגען און ניסלעך, אזוי אויך די וויין און פלייש, זענען נאר 'כלים' אין אונזערע הענט, כדי אריינצוברענגען די שמחה אריין אין הארץ! (ילקוט מפרשים).

# וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ

**"וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ כו', וְהַגֵּר וְהַיָּתוֹם וְהָאַלְמָנָה אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ". (דברים טז, יד)**

• • •

**די סגולה פון 'צדקה' – אויפצולאזן די געשווילעכטס!**

**יֵשׁ לְהַרְבּוֹת בִּצְדָקָה בְּעֶרֶב סֻכּוֹת** (מטה אפרים תרכה, כא – קצוש"ע קלד, טו). אזוי שטייט אויך אינעם הייליגן ספר פרי עץ חיים (שער חג הסוכות סופ"ג): "בְּיוֹם ד' שֶׁהוּא עֶרֶב סוּכּוֹת, יֵשׁ לְהַרְבּוֹת בִּצְדָקָה. וְהוּא כִּי עַתָּה עֲלִיּוֹת רָחֵל, הַנִּקְרֵאת 'צֶדֶק', וְיֵשׁ לְחַלֵּק הַקֻּפָּה לָעֲנִיִּים". זע אין ספה"ק בני יששכר (מאמר י ס"ק כד) א הערליכן ערקלערונג דערויף, און פארוואס מען דארף זיך פירן אינעם הייליגן יום טוב סוכות מיט צדקה וחסד, און מיט רחמנות איינער מיטן אנדערן, איבערהויפט ווען מען געפינט זיך אינעווייניג אינעם 'סוכת שלום', וואס דורכדעם איז מען זוכה צום שמחה פונעם '**זמן שמחתנו**', און צו שפירן בפועל דעם "נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ" (שיר השירים א, ד) – בדביקות השי"ת ממש, זע דארט.

אין איינע פון די טויזנטער שטעטלעך אין פוילן שֶׁל מַעְלָה, איז א איד שווער קראנק געווארן אויפן פוס, לא עלינו. ער האט באזוכט ביי די בעסטע דאקטוירים, אבער עס איז זיי נישט געלונגען צו ברענגען א היילונג פאר זיין קרענק. די קרענק איז געווארן אלס שטערקער און די פוס האט אנגעהויבן ווערן געשוואלן אלס מער, רחמנא ליצלן, און אויסער די געפערליכע יסורים וואס ער האט געליטן, איז אויך געווען א גרויס געפאר צוליב די פארגיפטיגונג [הרעלה].

זייענדיג זיין געפערליכן מצב וואס האט אויסגעזען האפענונגסלאז, האט אים איינער פון זיינע פריינד גע'עצה'ט, אז ער זאל זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן הייליגן רבי'ן בעל דברי חיים מצאנז זצוק"ל, וואס טראץ די סכנה פון א נסיעה אין אזא צושטאנד, האט ער דאך נישט געהאט קיין שום האפענונג לויט די דאקטוירים, וועלכע האבן שוין געזאגט אז מען זאל אפשניידן די פוס, חס ושלום.

דער איד האט געהערט, און א הייליגער פונק פון אמונה און בטחון אינעם אויבערשטן און אין זיינע הייליגע צדיקים, האט זיך אנגעצינדן אין זיין הארץ. ער האט דעריבער באשלאסן תיכף ומיד, אז ער מוז גיין צום צדיק, זאל זיין וואס זאל נאר זיין! – דעריבער האט ער זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון די ווארענונג פון די דאקטוירים אז אפילו נאר אראפצושטעלן זיין פוס אויפן ערד און זיך אביסל ארומדרייען, איז אויך פאר אים א געפאר, וויבאלד עס איז אימשטאנד צו פארגיפטיגן זיין גאנצן קערפער. און כאטש אז יעדן באוועגונג מיט זיין פוס האט אים פאראורזאכט שרעקליכע ווייטאגן, אבער 'כֹּל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ'! (איוב ב, ד), און ער האט געהייסן אז מען זאל אים טראגן אזוי מיט זיין בעט, און זיך ארויסלאזן אויפן לאנגן וועג קיין צאנז, "דאס איז מיין לעצטע האפענונג"! האט ער זיי ערקלערט.

די משפחה מיטגלידער האבן זיך אנגעגארטלט מיט קוראזש, און האבן מיטגענומען אלע מעדעצינען און אלעס וואס מען האט געדארפט האבן פארן וועג און נעמען דעם קראנקן טאטן, און לאזן זיך ארויס אין וועג מיט גרויס האפענונג און הארציגע תפילות. מיט גרויס פארזיכטיגקייט און געדולד זענען זיי שטאט געגאנגען אויפן וועג, כדי די קראנקע פוס זאל זיך נישט אויפהייבן, און פארגיפטיגן דעם קערפער חלילה.

ענדליך, נאכן לאנגן שווערן וועג, זענען זיי אנגעקומען צום הייליגן שטאט '**צאנז**', האבן זיי זיך מסדר געווען אן אכסניא, און נאך א קורצן אָפּרוּ, האבן זיי זיך ארויסגעלאזט צו זען דעם רבי'ן.

זיי האבן אבער נישט געוואוסט אז אין דער זעלבער צייט איז דער הייליגער צדיק נישט געווען אינדערהיים, וויבאלד ער האט זיך ארויסגעלאזט אויף א ווייטע נסיעה, און זיין גרויסער זון, הרה"ק רבי יחזקאל שרגא – באקאנט אלס דער 'רב הצעיר', וועלכער איז שפעטער געווען דער הייליגער שינאווער רב זצוק"ל, האט דעמאלטס געוואוינט ביי אים אינדערהיים.

און אט איז דער וואגן פונעם חולה אנגעקומען צום הייליגן הויף, און זיך דערנענטערט ביז צום ארייננגאנג פונעם הויז, און דארט האט זיך עס אפגעשטעלט. די געטרייע קינדער פונעם חולה האבן זייער איידל און פארזיכטיג אויפגעהויבן זיין בעט, כדי נישט צו וויי־טון זייער קראנקער טאטע, און מיט טרערן אין זייערע אויגן זענען זיי אריינגעגאנגען אינעם הויז פונעם הייליגן צדיק.

דער געטרייער גבאי וועלכער האט זיך געפינען אין הויז, האט זיי שיין אויפגענומען, און הערנדיג זייער דערציילונג און ווי זיי האבן זיך אזוי געפלאגט אונטערוועגנס, איז זיין הארץ פול געווארן מיט רחמנות אז ער וועט זיי יעצט דארפן ענטוישן, און זיי צוריקשיקן פון וואו זיי זענען געקומען. ער איז דעריבער אריינגעגאנגען זיך דורכרעדן מיטן זון פונעם רבי'ן, וויאזוי זיך צו באגיין מיט זיי.

ווען דער הייליגער שינאווער רב האט געהערט איבער דעם שווערן פאל, האט ער זייער מורא געהאט איבערן ווארלזיין פונעם חולה, ווייל מעגליך וועט זיין געזונט־צושטאנד פארערגערט ווערן הערנדיג איבער דעם גרויסן ענטוישונג. נאכן אסאך איבערטראכטן דער זאך, האט ער באשלאסן בלית ברירה, מיט זיין געוואלדיגע רחמנות אויף די טייערע אידישע משפחה, אויפצוקומען מיט אביסל א געוואגטע עצה!

ער האט שטילערהייט גערופן דעם גבאי, און ער האט געזאגט צו אים: זע נאר, די אידן זענען דאך קיינמאל פריער נישט געווען אין צאנז, און זיי קענען נישט מיין גרויסער טאטע, וועל איך יעצט אנטון דעם טאטנ'ס רעזשוואולקע און קאלפיק, און איך וועל זיין דער רבי פאר זיי! אזוי וועלן זיי כאטש שפירן אז זיי האבן באקומען א ווארימע און גוטע ברכה, און זיי וועלן נישט פילן קיין ענטוישונג נאך זייער לאנגע און שווערע רייזע ביז אהער.

בדחילו ורחימו איז דער זון אריינגעגאנגען בקודש פנימה ביי זיין טאטן אין צימער, און האט זיך געזעצט צום טיש, נישט ביים געוויינליכן ארט פון זיין טאטע (קידושין לא: יו"ד ר"ם, ב), און האט הארציג אויפגענומען דעם חולה וועלכער איז געלעגן אויף זיין בעט מיטן געשוואלענעם פוס, צוזאמען מיט זיין משפחה, וועלכע זענען אלע זיכער אז זיי שטייען אין פארנט פונעם רבי'ן אליין.

נאכן ליינען דעם קוויטל

המשך אין עמוד ד' >

כנהוג, האט דער הייליגער שינאווער רב זיי שטארק מחזק געווען מיט אמונה ובטחון אינעם אויבערשטן, און זיי ערקלערט אז אויף קיין שום פאל טאר מען נישט פארלירן דעם האפענונג. אזוי ווי די הייליגע חז"ל ערקלערן אונז "וַאֲפִלּוּ חֶרֶב חַדָּה מֻנַּחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים" (ברכות ה:), און נאכדערצו אויב עס איז נאר אויפן פוס. און דער צדיק האט אויסגעפירט, אז דורכאויס דעם קומענדיגן חודש צייט, זאלן זיי יעדן טאג אפשיידן אזויפיל און אזויפיל רייניש פאר צדקה, און בעזרת השי"ת וועט צום סוף פונעם חודש קומען צו אייך א גאנצע רפואה, לאורך ימים ושנים טובות!




די משפחה זענען ארויסגעגאנגען פונעם רבי'נס הויז מיט א הארץ פול מיט האפענונג, נאכן הערן דעם קלארן הבטחה וואס איז ארויסגעגאנגען פונעם הייליגן מויל פונעם צדיק. זיי האבן פארשטייט זיך שטארק אכטונג געגעבן דורכאויס דעם גאנצן חודש, אפצושיידן יעדן טאג דעם דערמאנטן סומע פאר צדקה.

און צום גרויסן וואונדער פון יעדן איינעם, ביים ענדע פון יענעם חודש, איז דאס געשווילעכטס אינגאנצן פארשוואונדן געווארן פונעם פוס פון דער חולה, און צוזאמען דערמיט איז דאס גאנצע קרענק נעלם געווארן, און דער איד איז אויפגעשטאנען פריש און געזונט, כְּאַחַד הָאָדָם! די דאקטוירים האבן נישט געקענט גלייבן דאס וואס זיי האבן געזען, און דער איד מיט זיין משפחה האבן געלויבט און געדאנקט דעם גרויסן באשעפער, אויפן געוואלדיגן נס וואס ער האט געטון מיט זיי.

יעצט אז ער האט זיך שוין געקענט גרינג באוועגן און ארומגיין געהעריג ווי יעדער, האט דער איד געטראכט אז עס וואלט געווען פאסיג אז ער זאל נאכאמאל פארן קיין צאנז, צו דאנקען דעם הייליגן רבי'ן פאר זיין ברכה, און אים דערפרייען מיט די געוואלדיגע ישועה צו וועלכע ער האט זוכה געווען. האט ער דעריבער צוזאמגענומען זיין משפחה צום רייזע, וואס איז דאסמאל געווען גרינג און פרייליך. א גאנצע וועג האבן זיך די משפחה מיטגלידער דערמאנט אינער פארן אנדערן, די געוואלדיגע שוועריגקייטן וואס זיי האבן געהאט ביים פריערדיגן רייזע...

אנקומענדיג קיין צאנז, האט זיך שוין דער הייליגער דברי חיים צוריקגעקערט לביתו נאוה קודש, און ווען דער אויסגעהיילטער איד איז אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה מיטן קוויטל באגלייט מיט א שיינעם געשאנק, אינאיינעם מיט זיינע משפחה מיטגלידער, זענען זיי אלע געווארן זייער ענטוישט, זאגנדיג איינער צום אנדערן, "דאס איז נישט דער רבי"! און זענען גלייך ארויסגעגאנגען אינדרויסן און האבן גוט באזידלט די גבאים און די יושבים: "וואו איז דער רבי? פארוואס לאזט מען אונז נישט אריין צום רבי'ן"?

דער הייליגער דברי חיים האט גלייך פארשטאנען וואס עס טוט זיך דא. האט ער זיי צוריקגערופן אינעווייניג, און זיי געפרעגט ווען זיי זוכן. "וואס הייסט? מיר זוכן דעם רבי'ן! נאר מיט א חודש צוריק זענען מיר דא געווען צוזאמען מיט אונזער טאטע וועלכער שטייט דא פאר אייך, און איז דעמאלטס געווען מורא'דיג קראנק אויף זיין פוס, וועלכע איז געווען זייער אנגעשוואלן, און יעצט אין זכות פונעם רבי'נס תפילה איז ער ב"ה געווארן געזונט און שטארק, דעריבער זענען מיר אהערגעקומען זיך צו באדאנקען!

דער רבי האט פארשטאנען אז זיין זון איז דא פארמישט, וויבאלד נאר ער איז דא געווען אין הויז ווען ער איז אוועקגעפארן, און ער האט אים געשיקט רופן. ווי נאר דער געוועזענער קראנקער האט געזען דעם שינעווער רב פאר זיינע אויגן, האט אויסגעבראכן אין א הארציגן געוויין, און האט אים הארציג באדאנקט פאר זיין גוטע ברכה וועלכע איז פולשטענדיג מקויים געווארן!

| סוזק"ש א' | 8:49 | סוז"ת א' | 10:01 |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש ב' | 9:32 | סוז"ת ב' | 10:29 |

ווען דער הייליגער דברי חיים האט געהערט אלע איינצלהייטן פון די מעשה, האט ער זיך געוואנדן צו זיין זון און אים געפרעגט מיט שטוינונג: פון וואו נעמסטו אזעלכע 'סגולות'? אויף וואס האסטו זיך פארלאזט, נעמענדיג אויף זיך אזא שווערע אחריות?

"זייער פשוט! – האט דער שינעווער רב געענטפערט מיט זיין חריפות, איך זע שטענדיג דעם געשוואלענעם בערזל פונעם טאטן, וואס דורך פיל צדקה גייט אראפ זיין געשוואלנקייט... – האב איך זיך אריסגעלערנט דערפון, אז די צדקה טראגט מיט זיך א ספעציעלן סגולה אוועקצונעמען דאס געשווילעכטס...!

**וּמִי יָבוֹא בְּסוֹד קְדוֹשִׁים.**

## שבת חול המועד
### י"ז תשרי תשפ"ה

הזמנים לפי אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:27 |
| מוצש"ק | 6:40 |
| ר"ת | 7:19 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:49 | סוז"ת א' | 10:01 |
| סוזק"ש ב' | 9:32 | סוז"ת ב' | 10:29 |

הזמנים לפי שעון קיץ

## שמחת תורה
### כ"ב תשרי תשפ"ה

הזמנים לפי אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:22 |
| מוצש"ק | 6:35 |
| ר"ת | 7:14 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:51 | סוז"ת א' | 10:01 |
| סוזק"ש ב' | 9:33 | סוז"ת ב' | 10:30 |

הזמנים לפי שעון קיץ

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173